**גוט שבת אלע אידן.** דער נביא יחזקאל האט גערופן אונזערע בתי כנסיות און בתי מדרשות א "מקדש מעט." (יחזקאל יא, טז) דער מצודת דוד איז מסביר אז אפילו מיר אידן זענען יעצט אין גלות און מיר האבן ליידער נישט קיין בית המקדש, זענען אונזערע בתי כנסיות און בתי מדרשות קליינע דוגמאות פון דעם הייליגן בית המקדש. וועגן דעם דארפן מיר אכטונג געבן צו פירן זיך ווי עס דארף צו זיין אין שול. ווייל, ווען מיר שטייען אין שול, איז עס כאילו אז מיר שטייען אין דעם בית המקדש ממש. איז לאמיר אביסל רעדן פון קדושת בית המדרש און בית הכנסת.

מיר לייענען וועגן די קדושה פון אונזער שולען אין דער הייינטיגער פרשה פרשת ויצא. די מפרשים זענען מסביר אז ווען יעקב אבינו ע"ה איז געווען אויפ'ן וועג קיין חרן, האט ער איבערגענעכטיגט אויף הר המוריה וואס איז דער מקום פון דעם בית המקדש. ווען יעקב אבינו האט זיך אויפגעוועקט אינדערפרי איז ער געוואויר געווארן אז ער האט געשלאפן אין דעם מקום המקדש, און ער האט געזאגט "...יש ד' במקום הזה וגו' ...מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלקים וזה שער השמים: (בראשית כח,טז-יז) דער הייליגער רמב"ן ברענגט אז מעשה אבות סימן לבנים (בראשית יב,ו) אז, אויב יעקב אבינו האט דערקענט דער קדושה פון דעם מקדש, דארפן מיר אנערקענען די קדושה פון אונזערע שולען וועלכע זענען א מקדש מעט.

הרה"צ ר' שלום פון בעלז זצוק"ל האט געבויט א גאר הייליגען בית מדרש אין בעלז. דער צדיק האט אסאך אריינגעלייגט אין דעם בנין כדי עס זאל זיין אן עכטע דוגמה פון דעם בית המקדש. עס ווערט פארציילט אז נאך פאר זיי האבן אנגעהויבן צו בויען דעם בית מדרש, איז דער בעלזער רבי אויף געווען הונדערטע נעכט כדי ער זאל קענען האבן דעם ריכטיגען כוונה צו בויען דעם בנין בקדושה און טהרה. זיין רבי'צען איז אויך אויף געבליבן מיט דעם רבי'ן, האלטענדיג א לעכט, כדי דער רבי זאל קענען לערנען אלע העכערע ענינים פון בויען דעם בנין. סוף כל סוף, נאך דעם וואס ער איז אויף געווען 1000 (טויזענט) נעכט ברציפות, איז ער געווען גרייט צו בויען דעם בית מדרש!

ווען דער רבי זצ"ל האט געלייגט דעם 'אבן הפינה', האט ער געבעטן מיט הארציגע תפילות אז אלע תפילות פון די אידן וועלכע וועלן דאווענען אין דעם בית מדרש, זאלן נתקבל ווערן אין הימל. באלט דערנאך ווען די חסידים האבן אנגעהויבן צו בויען דעם ריזיגען שול אין שטאט בעלז, האט להבדיל דער פריץ אין יענעם געגענט מחליט געווען צו בויען א גרויסן קלויסטער דווקא קעגן איבער דעם גרויסן הייליגען שול.

דער פריץ האט פרובירט צו שטערען דעם בויען פונעם שול וויפיל ער האט געקענט. דער פריץ האט געוויזן זיין חוצפה ווען ער האט געשיקט א בריוו צום בעלזער רבי'ן וואס אין דעם בריוו האט דער פריץ זיך גערופן דעם "המן" פון יענעם דור. דער רבי האט דעם רשע געענטפערט, אז ער וועט האבן די זעלבע מפלה ווי דעם ערשטן המן, ימש"ו.

איין טאג ווען דער צדיק איז געגאנגען אויפ'ן וועג צום שול, האט ער געטראפן דעם זון פונעם פריץ. דער זון פונעם פריץ איז געווען א רשע בן רשע. דער זון האט אפגעשטעלט דעם רבי'ן אין מיט'ן גאס. דער זון האט ארויסגענומען א שטיקל חזיר פלייש און ער האט עס געוויזן פאר'ן רבי'ן זאגענדיק "עס דאס, רבי!" נאכדעם וואס די ווערטער זענען קוים ארויסגעקומען פון זיין טמא'נע מויל, האט דער זון פונעם פריץ אראפגעפאלן צום ערד און ער האט אנגעהויבן זיך צו שאקלען. ער האט נישט געקענט קונטראלירן זיין גוף. ער האט אויסגעזען ווי א פיש ארויס פון וואסער. דער עולם וואס האט עס געזען איז געווארן שטארק צוטומעלט. זיי האבן נישט געוואוסט וואס צו טון. דער פריץ אליינס איז געקומען צו לויפן צו דעם צדיק, בעטן פון אים מחילה און א ברכה פאר זיין זון. אבער, דער רבי איז נישט מוחל געווען און דער יונגער זון פונעם פריץ איז געשטארבן אויפ'ן גאס מיט גרויסע ביזיונות. פארשטייט זיך אז דער פריץ איז געווארן נאך מער אויפגערעגט אויפ'ן רבי'ן און אויף די חסידים. אבער, דער בויען איז געגאנגען ווייטער.

איין טאג איז דער פריץ געפארן אויפ'ן וועג מיט זיין פערד און וואגן, ווען ער האט געטראפן אן אנדערען פריץ פון דעם אנדערע דארף. דער וועג איז נישט געווען גענוג ברייט פאר צוויי וועגענער. ביי גוים איז כבוד דעם עיקר, וועגן דעם האבן די פריצים נישט געוואלט זיך צוריק-קערן אין לאזן דעם אנדערע דורך פארן. זיי האבןביידע ארויסגענומען ביקסן און געשאסען דעם אנדערען. דער פריץ פון בעלז איז געהארגעט געווארן און געשטארבן א מיתה משונה. און דער בויען איז געגאנגען ווייטער.

דער רבי אליין האט גענומען א חלק אין בויען דעם בנין. עס איז אבער שווער געווען פאר די חסידים צו אנקוקן ווי דער הייליגער רבי פלעג ארבעטן אויפ'ן בנין, ווייל זיי האבן געהאלטן אז עס פאסט נישט פאר זיין כבוד. איין טאג האט איינער פון די חסידים געוואלט אוועקנעמען אן אמפער פון דעם רבי'ן. די רבי'צען האט אלעס געזען און זי האט דעם חסיד גערופן זאגענדיק אז ער זאל עס בשום אופן נישט טון, ווייל ער וועט מבלבל זיין דעם רבי'ס

כוונות. אין אמת'ן, איז דער בעלזער בית מדרש קיינמאל נישט געענדיגט געווארן. דער רבי האט נישט געוואלט ענדיגן דעם בנין ווייל ער האט געוואלט אז אלע מתפללים פון יעדען דור זאלן האבן א חלק אין דעם בויען ביז ביאת המשיח בב״א. (פון ״סיפורי חסידים על התורה, ר' זעווין ז״ל)

פון דער פארציילונג פון דעם בעלזער בית מדרש, קענען מיר אביסל פארשטיין די כוחות וואס צדיקים האבן אריינגעלייגט אין זייערע בתי מדרשים. פון דא קענען מיר אפשר באקומען א חיזוק אין דעם ענין פון קדושת בית המדרש.

עס זענען דא דריי ענינים וואס איז שייך צו קדושת בית המדרש וועלכע דארפן חיזוק אין אונזערע דור. איינס פון די זאכן איז דעם ענין פון ״שתיקה יפה בשעת התפילה״. ס'ווערט געפסק'נט אין שלחן ערוך, אורח חיים סימן קנא סעיף א: ״בתי כנסיות ובתי מדרשות אין נוהגין בהם קלות ראש כגון שחוק והתול ושיחה בטילה.״ ד״ה ס'איז אסור צו רעדן שטותים אין מאכן זיך נער'עש אין שול. א כלל אין הנהגות בית המדרש איז: וויבאלד דער בית מדרש איז אונזערע טאטע אין הימעל'ס הויז, זאלן מיר זיך פירן כאטש אזוי בכבוד'יק ווי מען פיר זיך אין דעם טאט'ן הויז.

דער צווייטע זאך וואס דארף חיזוק איז צוריקברענגען ספרים צום ספרים שאנק. עס ווערט געברענגט פון צדיקים אז צוריקברענגען ספרים איז א סגולה צו געדענקען דאס לערנען. בכלל איז עס אן ענין פון ״ואהבת לרעך כמוך״. נישט נאר דאס, נאר, נישט צוריקברענגען ספרים צום ספרים שאנק איז גורם ביטול תורה, ווייל איינער ווער עס זוכט א ספר דארף עס זוכן אויף די טישן.

דער דריטער זאך איז נאך הארבער: זיין אפגעהיטען אויפ'ן ריינקייט פונעם בית המדרש. דאס מיינט אז מ'זאל מחנך זיין קינדער צו לייגן גארבידזש אין דאס ריכטיגע פלאץ, נישט אויפ'ן פלאר פונעם בית מדרש. עס וואלט געווען א גרויסע קידוש ה' אויב די גוים וועלכע רייניגען דעם שול זאלן ווערן אפגעזאגט פונעם ארבייט ווייל זיי האבן נישט וואס צו טון. בפרט איז עס כדאי אכטונג צו געבן אויפ'ן ריינקייט ביי א שמחה אין דעם בית מדרש, ווייל ״ריקוד״ איז גורם ״פסולת״. וויבאלד עס וועלן קומען געסט פון ארום די וועלט, איז עס אויך כדאי יעצט צו זיך מחזק זיין אין דעם ענין פון קדושת בית המדרש.

ווען מיר שטייען אין שול זאלן מיר געדענקען יעקב אבינו'ס ווערטער: ״מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלקים וזה שער השמים.״ דורך דעם זאלן מיר זוכה זיין צו די ווערטער פון אונזערע דאווענען: ״ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים״, מיט דעם בנין בית המקדש במהירה בימינו אמן. **גוט שבת אלע אידן.**

<u>מזל טוב לכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א לרגל שמחת נישואי נכדתו לבנו הרה״צ רבי אהרן מנחם מענדל שליט״א בשבוע הבא עלינו לטובה בשעטומ״צ</u>

מזל טוב למוה״ר שמואל דוד לונגער לרגל שמחת נישואי בתו בשעטומ״צ

רפואה שלימה לפערל בת אסתר בתוך שאר חולי ישראל ** רפואה שלימה למוה״ר חיים שמואל צבי בן מלכה בתוך שאר חולי ישראל

<u>שתיקה יפה בשעת התפילה</u> *״כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן.״* (שבת קיט:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-8425 (845) P.O. Box 334, Monsey, New York 10952